UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Tsu Mayn Lerer Un Rebin / To My Teacher and Rabbi

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/4fw23063

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

**Author**
Shlevin, B.

**Publication Date**
1978

**Copyright Information**
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

ב. שלעווין / פּאַריז

# צו מיין לערער און רבין, ר׳ אברהם גאָלאָמב

אין מיין גאַנץ יידיש־טראַכטן און יידיש־וויסן, פיל איך זיך אַלע יאָרן — מיט קליי־בייע אָפּנייגן — עד היום, זיבעט ווילנע, ווי אייערס אַ תלמיד; און ווי צו מיין רבין, שיק איך אייך איבער מיינע הייסטע גרוסן און ווונטשן צו אייער ווערן אַ בן־תשעים, עד מאה ועשרים.

דאָס וואַרעמסטע געפיל פאַרן ווילנער יידישן לערער־סעמינאַר, אונטער אייער פּאַטערלעכער, ענערגישער, זאָרגפולער אויפזיכט, גייט מיר נאָך, און איך טראָג עס ביזן היינטיקן טאָג אין מיין געמיט. איך מיין אַז איך בין נישט איינציק. איז דאָך דער לערער־סעמינאַר אין יענעם דערשטיקטן יידישן לעבן אין פוילן געווען — אונדזער אוניווערסיטעט, אונדזער גרויסע ישיבה, פון וועלטלעכער יידישקייט, פון אייביקער יידישער גייסטיקייט.

ס׳איז אין יענע צוואַנציקער יאָרן אַרום אונדז הילכיק געגאַנגען די גרויסע רענעסאַנס־תקופה פון יידישן קולטור־אויפשוווּנג — די נייע ברויזנדיקע יוגנט, די נייע יידישע שול, וואָס האָט זיך געראַנגלט פאַר איר קיום מיט אַזאַ מסירת־נפש, בפרט איר קרוין — דער ווילנער לערער־סעמינאַר. דאָס איז געווען — אַז מיר באַטראַכטן עס היינט — אונדזער נאַציאָנאַלע און קולטור־רעוואָלוציע; אָבער אָן בלוט־פאַרגיסונג, מיטן העכסטן אידעאַליזם. ביז ס׳איז געקומען די פינצטערע אַרומיקע, נישט־יידישע קאָנטער־רעוואָלוציע און האָט אַלץ אין אונדזער לעבן און שאַפן דערשטיקט, אויסגעריסן מיטן וואָרצל.

ווי איינצלנע פון אַ צעקלאַפּטער אַרמיי, האָב איך אין די שפּעטערדיקע יאָרן אומעטום באַגעגנט געוועזענע תלמידים אייערע, סעמינאַריסטן. אַלע האָבן זיי געטראָגן אין זיך, און טראָגן עס עד היום, אַ ניצוץ, אַ הייליקן ציטער פון ווילנע של מעלה.

פאַר וועמען, אויב נישט פאַר אייך, ליבער אַברהם גאָלאָמב, קומען אויסגיסן אונדזער שווער געמיט? איר שטייט אין דער מיט פון אונדז אַלעמען, זייט יאָרן, און איר מאָנט און אַנאַליזירט אונדזער טראַגישע וואָר, צו וועלכער מיר זענען דערפירט געוואָרן. מיר גייען האַרט ביי דער ערד. אונדזער יידיש לעבן איבער דער וועלט איז צעריסן, צעבראָקלט, אָן וואָרצלען. אפשר וועט אַמאָל קומען אַ דור, וואָס וועט אונדז אויף ס׳ניי אויסגראָבן פון ביבליאָטעקן־שטויב, אַנטדעקן.

מיר לייענען אייערע חיבורים, אייערע ספרים, און ווי מאָדנע געַנוי אייערע אויספירן איבער אונדזער יידישקייט פאַלן זיך צונויף מיט די אייגענע באַטראַכטונגען, דער גייסט פון קאַרגע טויזנט יאָר יידיש־ציוויליזאַציע קען נישט פאַרלוירן גיין! און דאָס איז אַ שטיקל געשיכטלעכע טרייסט. דערפאַר מיין איך אַז אייערע יידישקייט־שטייגער־אידעען, אייער גלאָריפיצירן און אייער פאַרהייליקן ממש די שטעטל־ציוויליזאַציע, דאַרפן פּראָפּאַגירט ווערן; כ׳מיין, די אויספירן אין אייערע ספרים — „ספר טוביה״, „אינטעגראַלע יידישקייט״, „אונדזער גאַנג צווישן די פעלקער״, און די אַנדערע ספרים אייערע.

איך לייען אַלע מאָל אייערע פאָרש־אַרבעטן מיט אַ געפיל פון שטאָלץ. גע־הערט איר דאָך צו די איינצלנע, מוטיקע פאַרטיידיקער פון אונדזער אַשכנזישער נוסח־יידישקייט. ס׳איז געוואַגטקייט אין אַזאַ פּאַסקודנער מאַטעריאַליסטישער,

האָבן מיר זיך האַרציק געזעגנט און כ׳נעם מיט זיך די וואַרעמע איינדרוקן פון די עטלעכע שעה פאַרברענגען מיט די גאָלאָמבס אין זייער הויז. און געווען איז עס פונקט דעם שבת ערב ניי־יאָר 1978.

ווייס איך דאָך, אַז אין דעם יאָר ווערט אונדזער אַברהם גאָלאָמב אַ בן־תשעים — עד מאה ועשרים. וויל איך פון מיין ווייטן אויסטראַליע איבערשיקן מיינע וואַרעמסטע גרוסן און די האַרציקסטע ברכות דעם חשובן בעל־יובל: געזונט און צוזאַמען מיט זיין רבקהן נאָך פיל שעפערישע, געזונטע און גוטע יאָרן.

ברוטאַלער וועלט צו קומען מאַנען אינ־טעגראַלע יידישקייט. מיר טוען עס יעדער אויף זיין אופן. ליידער דערגייט עס צו וויניק אויערן. הלוואי זאָל עס אַלץ מקוים ווערן!

דער גאַנג פון דער געשיכטע האָט שוין אָבער פאַר אונדז אַלץ אויסגעוויילט. די ראַשיקע, אַלץ פאַרכאַפּנדיקע, נאַטירלעכע אַסימילאַציע, דאָס באַוווסטזיניקע אַוועק־גיין פון יידישקייט, באַווייזט אונדז, צום באַדויערן, אַז אין אייראָפּע, ווי אומעטום, ווערן יידן פון אונדזער שטאַם און שטיי־גער אַלץ וויניקער. היינט, מער ווי שטענ־דיק, באַוווּנדערן מיר דעריבער די גרויסע עקשנותדיקע יידן, אין גאַנג פון דורות, פאַרפאַנצערט אין יידישקייט, אויפצוהאַלטן אונדזער יידישן גייסט. ווו נעמט מען היינט אַזאַ כוח? אונדזער יידישער חינוך אומעטום איז פלאַך, אויסגעהוילט, אָן וואָרצלען. ווייזט אויס, אַז דאָס איז ערגעץ ווו טיף פאַרבונדן מיט אַ געמיינזאַמער עקאָנאָמיק און פּאָליטישער מאַכט, אויף אַ באַשטימטן באָדן. טאָ וועלכער באָדן קען עס אַצינד זיין, אויב נישט מדינת ישראל?

פאַר אַ סך זענט איר צו „שווער", כ'מיין די, וואָס האָבן וויניק, אויפן שפּיץ מע־סער, יידיש וויסן, יידישן באַוווּסטזיין. אונדזערע יידישע סאָציאַליסטן, אָדער אויטאָפּיסטן, האָבן דאָך נאָך אין יענע יאָרן אַלץ אַריינגעוואָרפן אין איין טאָפּ אַריין— רעאַקציאָנערע סכאָלאַסטיק. איך פאַר־שטיי אויך, אַז אייער שיטה רופט נישט אַרויס קיין באַזונדערע באַגייסטערונג צווישן די פאַנאַטישע העברעער אין ישראל. פאַראַן דאָרט פון דעסטוועגן צווישן זיי פאַרשטענדיקע יידן, יידן מיט הארץ, און פיל פון זיי הייבן איצט אָן איינצוזען, אַז זיי האָבן דעם יונגן „סאַברע" דור באַרויבט, אַוועקגענומען ביי זיי די אומגעהייערע יידישע גייסט־אוצרות, וואָס אָן זיי בלייבן זיי אָרעם, ווייט פון אמתער יהדות. דאָס באַווייזט אויך, אַז אייער קאַמף איז אַ גערעכטער, אייער שיטה — אַ גערעכטע.

ווינטש איך אייך, מיין ליבער אברהם גאָלאָמב, אַז אייער האַנט זאָל אויך ווייטער געשטאַרקט זיין, אַז איר זאָלט נאָך לאַנגע יאָרן טאָן אייער הייליקע עבודה, פאַרן קיום פון אונדזער אויטענטישער יידישקייט.

„יעקבס לייטער הייבט זיך כסדר אויף צו דעם אייביקן 'לעתיד לבוא'. אויך די תורה־יידישקייט האָט איר לייטער אַרויף. און באַגריפן וואָס זיינען פאַר משהן ניט אַנטפּלעקט געוואָרן, זיינען פאַר רבי עקיבאן יאָ אַנטפּלעקט געוואָרן. און אויך ער טאָר ניט זיין דער לעצטער, וויל וואָלט די תורה געגעבן געוואָרן אַ פאַרטיקע, וואָלט קיין יידיש פאָלק ניט געקאָנט ביישטיין. (אילו נתנה תורה...)" (גאָלאָמב)


אַבאָנירט און שטיצט

חשבון

די איינציקע יידישע ציטשריפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַחוץ ניו־יאָרק.

אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר